**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/1/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער שווארצע היסטאריע מאנאט**

״היינט צייכענען מיר אפ דער אנהויב פון שווארצע היסטאריע מאנאט, א צייט פאר אלע ניו יארקער זיך צו באקלערן איבער די פילעביישטייערונגען פון דער שווארצער קאמיוניטי און דער אנגייענדער קאמף פאר יושר'דיגקייט. אזוי ווי מיר אנערקענען דער העכסט-נויטיגער ראלע וואס ניו יארק האט געשפילט אין שווארצע היסטאריע, פון דעם הארלעם רענעסאנס ביז דער ניאגארא באוועגונג, מוזן מיר זיך אויך ווידער-איבערגעבן צו דעם קאמף פאר ראסע יוסטיץ — סיי און ניו יארק און סיי איבער׳ן לאנד.

די טעמע פון דער היי-יעריגער אפצייכענונג, ׳שווארצע געזונטהייט און וואוילזיין׳, פארלאנגט אז מיר זאלן זיך באקאנט מאכן מיט דער מציאות אז די ראסיזם און דיסקרימינאציע אויסגעשטאנען דורך שווארצע אמעריקאנע איז איבערהויפט שטארק ווען עס קומט צו נושאים פון פובליק געזונטהייט. אזוי ווי ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, וועלן מיר פארזעצן ווייטער שטארק נאכצוגיין א צוגאנג וואס וועט רעדוצירן אדער עלימינירן געזונטהייט אומגלייכקייטן נעגאטיוו אפעקטירט שווארצע ניו יארקער, כדי אז יעדער — אפגעזען פון ראסע אדער עטנישע אפשטאם — האט צוטריט צו די סערוויסעס וואס זיי דארפן האבן אויף צו זיין געזונט.

אזוי ווי מיר ארבעטן צו פארברייטערן אונזער סטעיט׳ס צוזאג, איז העכסט-נייטיג אז מיר נעמען די צייט צו פארעהרן די היסטאריע און אויפטוען פון די דורות פון שווארצע ניו יארקער ווי הערייעט טובמען און סאזשורנער טרו, וועלכע האבן געטון די שווערע ארבעט וואס מיר דארפן פארזעצן — צו א מער אויפריכטיגער און יושר׳דיגער צוקונפט פאר יעדן.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418